Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

הײַנט 22 זײַטען

# נײַער פֿאָלקסבלאַט

№ 58 | Łódź, Piątek, 8 marca 1935 r. | דרײַצענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, פֿרײַטאָג, ג׳ אדר ב׳ תרצ״ה | № 58

Adres Redakcji Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71


Z intencji zaślubin
p. HILAREGO KRAUSKOPFA
z p. HELĄ ZILBERMANÓWNĄ
życzą wiele szczęścia i różowej przyszłości.
8699 Państwo Micowie.

צו דער חתונה פֿון אונזער מיטאַרבײַטער און פֿרײַנד
בנימין זילבערבערג
מיט פֿרל. דאָרא קאַץ
ווינשען אַ האַרציגען מזל-טוב
רעדאַקציע, אַדמיניסטראַציע, זעצערײַ,
גיסערײַ און מאַשינען-אָפּטײַלונג
פֿון „נײַעם פֿאָלקסבלאַט"

ANNA BERKENSZTAT
JÓZEF SZYFFER
Zaręczeni.
Łódź, w marcu 1935 r.

צו דער פֿאַרלאָבונג פֿון מײַן פֿרײַנד און חבר
יוסף שיפֿער
מיט פֿרל.
אַנקאַ בערקענשטאַט
אַ האַרציגען מזל-טוב.
6605 י. ראָזענבערג.

מזל-טוב
צו דער חתונה פֿון אונזער ליבען זוהן און ברודער
בנימין זילבערבערג
מיט פֿרל. דאָרא קאַץ
ווינשען מיר זיי אַ גליקליך און צופֿרידען צוזאַמענלעבען.
עלטערן
רפֿאל יהודה און אסתר מלכה,
שוועסטער מאַלאַ און וו. פֿרײַמאַן




צו דער חתונה פֿון אונזער ליבען קוזין
בנימין זילבערבערג
מיט פֿרל. דאָרא קאַץ
ווינשען מיר זיי פֿיל גליק און אַ בליהענדע צוקונפֿט.
בנימין זילבערבערג און פֿרוי

מײַן הערצליכען פֿרײַנד
בנימין זילבערבערג
צו זײַן חתונה מיט
פֿרל. דאָרא קאַץ
ווינש איך אַ מזל-טוב און אַ גליקליך צוזאַמענלעבען.
מ. דראַגושאַנסקי

פֿאַר גאַרד,
ביזשוטעריע
און לאַמבאַרד-קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרײַזען
איזידאָר פּיאַלקאַ
פּיעטריקאָווער 7.

פֿון 1-טען אַפּריל 1935
ביליגע טוריסטישע אויספֿלוגן נאָך ז.ס.ר.ר.
דורך די פֿאַרשטעהערשאַפֿטען פֿון „אינטוריסט"
אַנמעלדונגען און נעגויע אינפֿאָרמאַציעס דורך אַלע אָפּטײלונגען פֿון דער
Sp. z ogr. odp. „Orbis" פּוילישער רײַזע-ביוראָ
Wagons-Lits-Cook
Union Lloyd, Warszawa,
Chmielna 44.

## קמח של פסח
„Królewska" „Alaska" „Merkur"
פֿון דער באַוואוסטער דאַמף-מיהל
LEOPOLD RYCHTER, TORUŃ
געכשר׳ט און געמאָהלען אונטער דער השגחה מהרב ר׳ יצחק יהודה גליצענשטיין אבד״ק טורן והרב ר׳ יהודה דונקעלמאַן אבד״ק לוביץ
איז שוין צו בעקומען אין די אײַנענע פֿאַבריקס-לאַגערס
Łódź, Nowomiejska Nr. 4, tel. 101-74
Warszawa, Zielna Nr. 46, tel. 506-90

אַכטונג, דאַמען!
אין מײַן נײַ-ערעפֿענטען קליידער-אַטעליער אויף בזשעזשינער 11 פֿראָנט, 1. שטאָק
בעקומט מען צו יעדערצײַטס פּרײַז.
באַלאָווע- און חופּה-קליידער
קאָנקורענץ-פּרײַזען! סאָלידע בעהאַנדלונג!
Wypożyczalnia sukień balowych i ślubnych
M. Józefowiczowa
Brzezińska 11,
front 1 piętro, m. 5.

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
6. שערפּיען 37 (בענעדיקטאַ
נעהמט אָן פֿון 5–7 נאָכם.

מײַן פֿרײַנד
ה׳ בנימין זילבערבערג
צו זײַן חתונה מיט
פֿרל. דאָרא קאַץ
ווינש איך אַלדאָס גוטס און אַ צופֿרידען צוזאַמענלעבען.
אהרן סאַוויצקי

צו דער חתונה פֿון אונזער פֿרײַנד ה׳
בנימין זילבערבערג
מיט פֿרל. דאָרא קאַץ
ווינשען מיר זיי אַ האַרציגען מזל-טוב און אַ גליקליך צוזאַמענלעבען.
פֿאַמיליע גוטערטאַג.

לאָדזער יודישער פֿליישער- און וואורשטענמאַכער-צעך
פּיעטריקאָווער 24.
בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט דער געעהרטער קונדשאַפֿט, אַז
זונטאָג בײַנאַכט ווערט געשאַכטען
בהמות און קעלבער
אין די לאָדזער שעכט-הײַזער און מאָנטאָג פֿריה
וועט זײַן אין אַלע יאַטקעס
פֿריש פֿליש.
די פֿערוואַלטונג.
665

Przyjmuję 2-ch panów na mieszkanie. Pomorska 14, fr. 2 p. m. 4/5. 8799

Zaginiony został kwit kaucyjny z Elektrowni Łódzkiej na imię Tauba Szternfeld, Pomorska 57.

פֿאַר קראַנקע און רעקאָנוואַלעסצענטען !!!
אָריגינעלע ריטערליכע
אונגאַר-ווײַנען
ווי אויך
אין דער בעסטער קוואַליטעט צו זעהר צוגענגליכע פּרײַזען
בעקומט מען אין דעם בעקאַנטען ווײַן-געשעפֿט פֿון
אינה.: ישראל שיקער
ע. שיקער לאָדז, פּולנאָצנאַ 1
טעל. 107-84.

מזל-טוב
הנני מברך בברכת מז״ט חמה את ידידי
ישראל כ״ץ נ״י וזוג׳ מאישניאווא-גורא
פרגלי נשואת בתם העדינה דבורה תחי׳
עם ב״ג כמר בנימין זילבערבערג
יהא רעוא שיראה מהם רוב נחת, דור ישרים יבורך,
הון ועשר בביתם, הבורא עולם בקנין, ישלם זה
הבנין שיהי׳ בקמץ ולא בחולם.
המברך אברהם וויעלגאוואלסקי

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

בײלאַגע צום „נײעם פאלקסבלאַט“ נומער 58 פרײטאג, דעם 8 מערץ 1935

## ער האט געפונען אַנ׳עצה!..



ערשטער יוד: פעטער וואס טוט איהר?

צווייטער יוד: כ׳פערשאַנץ מיר די קעשענעס געגען מײן ווײבס רעוויזיעס...



## פיניעלע מזיק
### גיט רשות



יאַטן, צ׳ווייסט כאַדזשביג, וואָס פאַרע גראַנדע ווילקער ווערט אַט די וואָך גימאַכט? צ׳ווייסט טאַקיש נישט? עליך ענק פאַציילן:

אָף דער ציגלאַנע גאַס איז דו אַ פאַדוועער שטיבל זיצן דאָרט בוכירים אין לערנען גמורע מיט טויפיטים אין שנאיעס. איז גיקימע דער ווערט מוטן קימאַניק מיט אַ פוער שאַלעפס און אָבן דעם אורקוידיש אַראָעסגיוואָרפן. אין די טוירים אַט דער ווערט אַליינט ציגינימען.

וואָס זוגט עין צי אַזאַ גראַנדע? דוס קען נאָר זאָן אין ווילקע. באַ אינץ אין באַליט וואָלט מע אַזאַ פּישוין גימאַכט אַזאַ קאַץ־מיזיק, אַז עיער וואָלט גימיזט גיין קאַפּיטש. נאָר איין זאַך וואָלט איעך גיוואָלט, אַז דער ווערט זאָל אַמולט קימען אין שמולן געסל אַראַן. ני.... ני.... וואָלט איך עיעם גיוויזן, וואָס פיניעלע קען. איך וואָלט עיעם בעזינגען ווי אַ בוכן צי די כיפע

יעץ וועל איך ענק יאַטן, אונזוגן אַ גיטע פסירע. קאָווי ווי ס׳גייט פירים אין לאַנד אַראַן, גיי איך אָנגיניזירען אַ פירים־פעווייליג. ס׳גאַנצע באַש עט גיין אָף אַ וואָוילנייטיגען טשוועק. ס׳עט זאַן אַ פּשענטקמיוויעניע, מ׳עט זיך פאַשטעלן, מ׳עט זינגען לידליך. מ׳עט טאַנצן, שפּרינגן, מ׳עט מאַכן קאָזשילעם — פינקט ווי אין ידישן טריאַטער.

אַ קלאַל סעט זאַן לעיבידיק אין שמולן געסל.

## נישטא קיין מזל!
### שמועס אין די האַלעס

— כ׳זאָג אייך, ר׳ הערשעל, כ׳האָב נישט קיין מזל צו קיין געשעפט. האנדעל איך מיט שערימס — שיינט די זון. האנדעל איך מיט זאָדע־וואסער — איז אַ פראָסט. איך בין זיכער, אַז ווען איך זאָל מיך נעהמען האנדלען מיט קאַפעלושען אָדער מיט היטלען, וועלען אַלע מענשען פערלירען די קעפּ.

## א לעקציע העברעאיש

סטרוזש — בחכמה פותח שערים.
דיפּלאָמאַט — משנה עתים.
וועקסעל־צאָהלער — מחליף את הזמנים.
אסטראָנאָם — מסדר את הכוכבים,
שדכן — גולל איר מפני חושך.
דראָזשקאַזש — בגבורת הסוס יחפּז.
קאָלעקטאָר — דלפון עם מזל בידו.
אלטע מויד — מכה אשר לא כתובה בתורה.
זייגערמאַכער — מכון את השעה.
הויזען שניידער — חי בתחתונים.

א. איטקין.

## דוניקאָווסקי...
### פון גראַף קאַלי

דוניקאָווסקי ! דוניקאָווסקי !
— סיקלינגט דער נאָמען — אַ סימפאָניע!
סיוועט זיין שטאָלצער רוהם פערטונקלען,
עדיסאָניען און מאַרקאָני...

דוניקאָווסקי — הערט רבותי,
דאָס איז איינמאָל שוין אַ כוואַט !
האָט ערפונדען אַזאַ „קונסט־שטיק“
אַזאַ וואונדער־אַפּאַראַט :

שיט אריין נאָר זאמד אביסעל
איינס און צוויי, און נישט געטראַכט,
און דער זאַמד — ער ווערט פערוואַנדעלט
אין דעם ריינסטען גאָלד, אַ פּראַכט!

דוניקאָווסקי — אָט דער בחור
מיין פאַנטאַזיע האָט בעצוואונגען —
יאָ, צו מאַכן גאָלד פון בלאָטע
איז משמעות, איהם געלונגען...

כאָטש, רבותי, צוריק געשמועסט,
איז ער גאָרניט אַזאַ יאָלד;
נאָך פון גרעסערע „פּאַטקודסטוואָ“
מאַכען לאָדזער סוחרים גאָלד...

פון מיין ווייב נאָר, האָב איך צרות
זי פערשאַפט מיר פיל גריזאָטע,
פונקט פערקעהרט ווי דוניקאָווסקי
נעהמט זי גאָלד און מאַכט מיר בלאָטע...

## ערב פריהלינג

אז דער פריהלינג איז שוין נאָהענט
איז פון קיינעם נישט פערהוילען,
ערשטענס האָבען מיר אַ סימן
די קהלה טיילט שוין קויהלען...

און דערפון איז דאָך געדרונגען
אז דער ווינטער איז פערביי...
ערגעץ איבער בערג און טאָהלען
גריסט אונז שוין דער חודש מאי...

## לאָדזער נייעס בקיצור

ווי מען שמועסט רעכענט דער לאָדזער מאגיסטראט פונאנדערצושטעלען אין די גאסען קעסטלעך אריינצוווארפען די פּאַמעראַנצען שאָלעכץ.

די לאָדזער פרויען גרייטען זיך מיט אַ פּראָטעסט צום מאגיסטראט געגען פּראָיעקט פון מוזען געהען רוהיג אין די גאסען און נישט רעדען —

ווי מען שמועסט, זאָל דער אורזשאָנד סקאַדבאָווי ברענגען אַ טראַנספּאָרט שמעק־הינד. יעדער סעקוועסטראַטאָר וועט בעקומען אַ שמעק־הונד כדי צו דערשמעקען ביים עולם אַ זלאָטע.

אין מאגיסטראט איז געוואָרען אריינגעטראָגען אַ פּראָיעקט צו ענדערען דעם נאָמען פון קאָפּערניקא אויף „קופּיעצקאָ“.

רעלעם.

## קאַן מען לעבען?
### דער קריזיס אין דער דאָקטוירים־בראַנזשע

— ווי געהט עס אייך, פּאַניע דאָקטאָזשעץ?

— ס׳איז ביטער! די גריפּע געהט שוואַך. פון טיפוס איז קיין זכר נישטאָ. פון כאָלערינקע און דיזענטעריע איז קיין רייד נישטאָ. דער עולם האָט זיך גענומען הארטעווען — נו, פרעג איך אייך: קאָן מען לעבען?

## איז באַלוט

— איך האָב דעם איינדרוק, אַז די פּרייזען אויף פּאָמעראַנצען זענען שטאַרק געפאַלען. מ׳קריגט שוין אוודאי אַ פּאָמעראַנץ פאַר אַ צווייער.

— פון וואַנען דרינגסטו דאָס?

— ווייל כ׳האָב היינט אויפ׳ן טראָטואַר אין דער פעפער־גאַס געזעהען ליגען שאָלעכץ פון פּאָמעראַנצען.

## קאַנדידאַטע?
### זייט פאַרזיכטיג ווי לאַנג ס׳איז נאָך צייט

נעהמסטו ארויס אַ פּאַטענט ווערסט דו אַ קאַנדידאַט צו געהן אין די הייזער.

ווערסטו אַ פאַבריקאַנט, ביסטו אַ קאַנדידאַט צו ווערען אַנ׳אָביוואַטעל אויף דער קאָפּערניקא.

ווערסטו אַ הויזווירט, ביסטו אַ קאַנדידאַט צו ווערען אַ דבן אחר.

ווערסטו אַ דעפּוטאַט אָדער אַ ראַטמאַן, ביסטו אַ קאַנדידאַט צו שלאָפען אויף פרעמדע געלעגערס.

ווערסטו אַ בעווייבטער, ביסטו אַ קאַנדידאַט אויף דער וועסאָלאַ.

רעלעם.

## ער קומט נאָכן חוב
### 50 פּראָצענט האָט ער שוין בעקומען

בעל חוב : איך בין געקומען נאָכן חוב וואָס עס קומט מיר פון אייער פירמע.

— אַ העלפט דאַרפט איהר מאָהנען ביי מיין שותף.

— איך קום ערשט פון איהם, האָט ער מיך אַרויסגעוואָרפען.

— גוט, נאָך דער צווייטער העלפט קענט איהר קומען אַנ׳אַנדער מאָל...

רעלעם.

## שפּיי נישט אין גאָס!

מאַן : כ׳האָב געטראָפען אין גאָס בערלען דעם אַנזעצער איך האָב איהם געמאָהנט דעם חוב. האָט ער מיך נאָך גוט אויסגעזידעלט.

ווייב : ווי האָסטו איהם נישט דערפאַר געשפּיגען אין פּנים.

מאַן : הערסטו אַ חכמה! וואָלט איך דאָך נאָך גע־דאַרפט צוצאָהלען....

רעלעם.

